# דער ערשטער יודישער פינאנץ-אנשטאלט אין טשענסטאכאוו.

(צום 25-טען יובל פון דער היגער באנק ספולדזיעלטשי).

מיר האבען שוין מיטגעטיילט, אז זונטאג, דעם 15 ד. ח. פייערט די היגע יודישע באנק ספולדזיעלטשי דעם 25-יעהריגען יובילעאום פון איהר עקזיסטענץ, און צוליעב דער אונגעהויערער וויכטיגקייט פון דער דאזיגער אינסטיטוציע וועלען מיר איבערגעבען אייניגע זעהר אינטערעסאנטע פרטים פון איהר ענטשטעהונג און טעטיגקייט.

אין יאהר 1907 איז געגרינדעט געווארען די „טשענסטאכאווער יודישע לייה און שפאר-קאסע" דורך די גרינדער ה"ה: בערנארד העלמאן, יוזעף אימיך, שמואל גאלדשטיין, ד"ר וולאדיסלאוו זאקס, מארקוס העניג און מאקס גאלדשטיין (שפעטער זענען אויך צוגעקומען אלס אקטיווע טהוער די ה"ה סטאניסלאוו הערץ און י. ב. מייטליס.

דאס ערשטע גרונד-קאפיטאל פאר דער אינסטיטוציע איז געבארגט געווארען אין דער היגער אבטיילונג פון דער ווארשאווער האנדעלס-באנק אין דער סומע פון 3000 רובל און דאביי האט צו דער רעוויזיאנס-קאמיסיע פון דער קאסע געהערט דער יעצטיגער דירעקטאר פון דער היגער האנדעלס-באנק ה' יוזעף נאווינסקי.

א דאנק דעם וואס אין דער שפיץ פון דער קאסע זענען געשטאנען די אנגעזעהענסטע און איינפלוסרייכסטע מענשען פון אונזער שטאדט האט זיך די באנק זעהר שנעל ערווארבען דעם פולסטען צוטרוי פון דער היגער יודישער געזעלשאפט, וועלכע האבען זיך פערשריבען אלס מיטגלידער און איהר פערטרויט זייערע קאפיטאלען, וועלכע זיי האבען לאקירט אין דער באנק.

ווי ווייט די באנק האט זיך ענטוויקעלט אין די ערשטע 7 יאהר פון איהר עקזיסטענץ, בעווייזט דער בילאנס פון יאהר 1914, וועלכער שטעלט זיך פאר אין דער ציפער פון אקטיווע און פאסיווע יעדע אין דער הויך פון 301.200 רובל, לויט פאלגענדען: אקטיוו: באאר 2000 ר', ליסטעס 10.000 ר', דעפאזיטען אין דער ריגער און ווארשאווער האנדעלסבענק 120 טויזענד רובל, פערטיילטע הלוואות 168.000 ר', פערשידענע אינוועסטיציעס 1200 רובל, צוזאמען 301.200 ר.

פאסיוו: אודזיאלען 50.000 ר', ריוח פון 5 יאהר א 2.000 ר' (די ערשטע 2 יאהר איז די דיווידענד אויסגעצאהלט געווארען) 10.000 ר', רעזערוו אויף אונטערשטיצונגען פאר האנדווערקער 500 ר', פערשידענע איינפלוסען 700 ר' און וואקלאז'ען 240.000 ר. צוזאמען 301.200 ר.

מיט'ן אויסברוך פון וועלט-קריעג אין יאהר 1914 האט זיך געפונען אין דער קאסע ס"ה 2000 ר', וועלכע מען האט געגעבען אויסשליסליך רעזערוויסטען, וואס זענען איינגעצויגען געווארען אין מיליטער. און אזוי ווי די סומע האט נישט געקלעקט, האט ה' בערנארד העלמאן געבארגט 1200 רובל, וועלכע ער האט עטליכע חדשים שפעטער אבגענומען מיט „באנעס".

אזוי ווי די 2 גרויסע בענק אין אונזער שטאדט האבען זייערע מיטגלידער אויסגעצאהלט נאר 50 ר' א חודש, האט די יודישע באנק געבארגט געלד אויף די דאזיגע באנק-ביכלעך און עמעריטור-ביכלעך אויף וועלכע זי האט פערבארגט ביז 12 טויזענד רובל, וואס עס איז דאן געווען א קאלאסאלע סומע און האט פיעל מענשען פאקטיש דערהאלטען ביים לעבען און עקזיסטענץ, דאס איז געזוען א זעהר גרויסע און וויכטיגע אקציע.

אין יאהר 1917 האט די פערוואלטונג פון דער קאסע זיך געווענדעט אין רוסישען מיניסטעריום וועגען אויסצאהלען די סומעס, וואס עס קומט אויף די שפאר-ביכלעך פון דער רוסישער מלוכה-באנק, אבער דאס איז געווען אהן ערפאלג.

אט אזוי האבען אויסגעזעהן די ערשטע 7 פעטע יאהר און די וויי'טערע 7 מאגערע יאהר פון דער באנק-טעטיגקייט. ערשט אין יאהר 1921 האט די באנק בעניי'ט די טעטיגקייט מיט'ן נייעם נאמען „טשענסט. באנק ספולדזיעלטשי".

אזוי פיהרט די דאזיגע באנק איהר נארמאלע טעטיגקייט אין אונזער שטאדט אויף דעם געביעט זינט דעם יאהר 1921 און מען מוז אנערקענען, אז די פערוואלטונג, וואס שטעהט אין דער שפיץ, איבערהויפט אייניגע פערוואלטונגס-מיטגלידער, וואס ארבייטען אקטיוו זינט איהר ענטשטעהונג האבען זעהר פיעל געלייסטעט און לייסטען ביז'ן היינטיגען טאג לטובת דער דאזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע און לטובת דער היגער יודישער בעפעלקערונג וואורום עטליכע יאהר נאך דער מלחמה איז דאס אלץ נאך געווען די איינציגע יודישע באנק אין אונזער שטאדט וואס איז געשטאנען צום דיענסט פון די יודישע קליינהענדלער און בעלי-מלאכות.

אין די באנק-קרייזען ווערט אויך שטענדיג דערמאנט צום גוטען דער ה' יוסף שמעון קאבלינץ, וועלכער האט אין א קריטישער צייט נאך דער מלחמה געבארגט עטליכע טויזענד מארק פון ה' יוסף פעטער פון ברעסלוי, וועלכע ער האט געבארגט אהן צינזען אויף א לענגערע צייט און דערמיט געטהון א גרויסע טובה.

מיר האבען היינט צו טאג אין אונזער שטאדט עטליכע יודישע געזעלשאפטליכע בענק וועלכע זענען אונז זעהר טייער, אבער די באנק ספולדזיעלטשי איז, ווי מיר האבען שוין געשריבען, די פיאנערין, די ערשטע וואס האט געלעגט דעם גרונדשטיין פאר'ן יודישען באנק-וועזען אין טשענסטאכאוו און צום יובל פון איהר 25-יעהריגער טעטיגקייט געבען מיר איהר אונזער הארציגסטע בעגריסונג, און וואונשען אז זי זאל וואס וויי'טער אלץ בעסער און ברייטער ענטוויקלען איהר טעטיגקייט לטובת דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

בן חיים

# וועגען הנחות פון פערלעגענעם אומזאץ-שטייער.

ווי בעקאנט איז לעצטענס פערעפענטליכט געווארען א פעראָרדנונג פון פינאנץ-מיניסטער וועגען הנחות ביים איינצאהלען דעם פערלעגענעם אומזאץ-שטייער (דז. או. נ. 34 פאז. 356). די דאזיגע פעראָרדנונג האט גרויסגערופען א שטארקע פעראינטערעסירונג אין די קרייזען פון די שטייער-צאהלער.

די פעראָרדנונג זעהט פאר, אז פאר די אלע שטייער-צאהלער, וועלכע וועלען ביז'ן 31 אויגוסט 1932 פרייוויליג בעצאהלען דעם פערלעגענעם אומזאץ-שטייער וועלכער איז ענטשטאנען פאר'ן 1 אפריל 1931, ווערען אנערקענט פאלגענדע פערגינסטיגונגען:

אויב דער פערלעגענער אומזאץ-שטייער וועט בעצאהלט ווערען ביז'ן 31 מאי 1932, וועט געגעבען ווערען א באניפיקאציע אין דער הויך פון גאנצע 50 פראצ. פון דער איינגעצאהלטער סומע.

אויב דער פערלעגענער שטייער וועט בעצאהלט ווערען ביז'ן 31 יולי 1932 35 פראצ. און די, וואס וועלען איינצאהלען די סומע ביז'ן 31 אויגוסט ד.י. וועלען געניסען פון א 25 פראצענטיגער באניפיקאציע. פון די אלע איינצאהלונגען וועט נישט גענומען ווערען קיין פראצענטען פאר דער פערשפעטיגונג.

די דאזיגע הנחות וועלען ווערען אנערקענט בלויז פאר די שטייער-צאהלער, וועלכע וועלען אין מאמענט ווען דער פערלעגענער שטייער וועט ווערען איינגעצאהלט, שוין האבען בעצאהלט דעם אומזאץ-שטייער, וואס איז ענטשטאנען נאכ'ן 31 מערץ 1931.

חוץ דעם זעהט פאר די פעראָרדנונג א וויי'טערדיגע הנחה, דהיינו: ס'וועט אבגעהאלטען ווערען די עקזעקוציע פון די פערלעגענע שטייערען פאר דער צייט ביז'ן 31 מערץ 1931 ביי די אלע שטייער-צאהלער, וועלכע וועלען אין טערמין ביז'ן 31 אויגוסט 1932 בעצאהלען דעם פערלעגענעם אומזאץ-שטייער וואס איז ענטשטאנען אין דער צייט פון 1 אפריל 1931 ביז'ן 31 מערץ 1932 ווי אויך דעם לויפענדיגען שטייער, וועלכען ס'פאלט אויס צו צאהלען אין דער צייט צווישען 1 אפריל 1932 און דעם 31 אויגוסט 1932; אלס תנאי שטעלט די פעראָרדנונג דאס פונקטליכע צאהלען פון דעם לויפענדיגען אומזאץ-שטייער פאר דער צייט נאכ'ן 31 אויגוסט 1932.

אין דעם פאל דארף, חוץ די פערלעגענע שטייערען, פאר דער צייט פון 1 אפריל 1931 ביז'ן 31 מערץ 1932 און אויך דעם לויפענדען שטייער, נאר בעצאהלט ווערען א צושלאג אין דער הויך פון א דריטעל פון די איינגעצאהלטע סומעס, וואס וועט פערערכענט ווערען אויפ'ן חשבון פון די פערלעגענע שטייערען פאר דער צייט ביז'ן 1 אפריל 1931 און דער פראצענט פון דעם פערלעגענעם שטייער וועט פערקלענערט ווערען ביז 6 פראצענט פון מאמענט ווען דער שטייער איז געווען צאהלבאר ביז'ן 31 מערץ 1921 און 12 פראצענט פון 1 אפריל ביז דער צייט ווען דער שטייער וועט בעצאהלט ווערען.

אין פאל ווען איינער פון די תנאים וועט בעצאהלט ווערען ביז'ן 31 יולי 1932 דער גאנצער פערלעגענער שטייער, סיי דער, וועלכער איז ענטשטאנען פאר'ן 1 אפריל 1931 סיי דער שפעטערדיגער, נלייך אויפגעמאהנט ווערען דורך אנ'עקזעקוציע און עס וועט גערעכנעט ווערען די שטראף פאר פערשפעטיגונג און 5 פראצ. עקזעקוציע-הוצאות.

ווייטער זעהט פאר די פעראָרדנונג פאלגענדע הנחה פון פערלעגענעם אומזאץ-שטייער פאר דער צייט ביז'ן 1 אפריל 1932 וועלען די עקזעקוציע-הוצאות בערעכענט ווערען בלויז אין דער הויך פון 3 פראצענט אנשטאט 5, אויב די שטייער-מאכט וועט נישט זיין געצוואונגען א צווייט מאל צוטרעטען צו די עקזעקוציע.

צום סוף פון דער פעראָרדנונג ווערט געזאגט, אז אלע דערמאנטע הנחות וועלען נישט אנגעווענדעט ווערען אויב די פערלעגענע שטייערען זענען ענטשטאנען צוליעב'ן אפטען שלעכטען ווילען פון די שטייער-צאהלער.

ווי מיר זעהען זענען די הנחות וועלכע עס ענטהאלט די פעראָרדנונג נוגע קודם כל בלויז די שטייער-צאהלער, וועלכע וועלען אין מאמענט, ווען דער פערלעגענער שטייער וועט ווערען איינגעצאהלט שוין האבען בעצאהלט דעם אומזאץ-שטייער, וואס איז ענטשטאנען נאכ'ן 1 אפריל 1931, ד. ה. אז די לויפענדיגע שטייערען וועלען מוזען זיין פריהער איינגאנצען בעצאהלט. נאר דאמאלס קענען קומען אין בעטראכט די צאהלונגען פון די פערלעגענע סומעס מיט'ן אנווענדען די געהעריגע באניפיקאציעס.

אט דער מאמענט, וועלכער איז אין דער פעראָרדנונג געשטעלט אלס תנאי קודם צו געניסען פון די פערגינסטיגונגען, איז געוויס צו ריגאריסטיש און שוואכט בעדייטענד אב די וויכטיגקייט פון די הנחה.

דער הויפט-געדאנק, וועלכער האט בעוואויגען דער פינאנץ-מאכט אייגפיהרען די הנחות, איז דאך געווען פון איין זייט דער שווערער עקאנאמישער קריזיס, דער ווילען צו פערלייכטערען די צאהלונגען פון די פערלעגענע שטייערן, כדי צו דערמעגליכען דעם שטייער-צאהלער זיך בעפרייען פון די אלטע שטייער משאות, און פון דער צווייטער זייט — צו זיכערען דער מלוכה-קאסע א דאנק די אנגעבאטענע הנחות, א גרויסען צופלוס פון שטייער-צאהלונגען, אין וועלכע זי נויטיגט זיך אזוי שטארק.

דער עקאנאמישער קריזיס האט אבער מיט ווייניגער זיך געלאזט פיהלען אין פאריגען און אין לויפענדיגען יאהר, ווי אין פריהערדיגען און צוליעב דער קריטישער לאגע זענען א סך פון די מיטעלע און גרעסערע אונטערנעמונגען געבליבען הינטערשטעליג מיט די לויפענדיגע שטייערען און די דאזיגע אונטערנעמונגען וועלען צום בעדויערען נישט קענען געניסען פון די וויכטיגערע באניפיקאציעס ביים איינצאהלען די פערלעגענע שטייערען אין משך פון די נאהענטסטע פאר חדשים.

כדי דעם דאזיגען בלויז אין דער פעראָרדנונג צו פערפולען, טרעטען צו די עקאנאמישע ארגאניזאציעס צו אנ'אקציע, וואס האט דעם צוועק אנצווייזען אויף דער וויכטיגקייט פון אנווענדען גרעסערע שטייערן הנחות אויך בנוגע די פערזאנען, וועלכע האבען צוליעב דער שלעכטער עקאנאמישער לאגע נישט געהאט לעצטענס די מעגליכקייט אינגאנצען אבצאהלען די שטייערען, וואס זענען ענטשטאנען נאך ד. 1 אפריל 1931.

דאס נעמען אין אכט די דאזיגע פאדערונג דורך די געהעריגע מאכט-אינסטאנצען וואלט נישט בלויז געווען א קאלאסאלע פערגרינגערונג פאר'ן פעראָרימטען סוחר, נאר ס'וואלט אויך גאנץ בעדייטענד פערגרעסערט די הכנסות פון דער מלוכה-קאסע, וועלכע ווערען איצט ערוואַרט צוליעב די געגעבענע הנחות ביים איינצאלען די פערלעגענע שטייערן.

מגר. י. ווארשאווסקי.

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

### אונטער'ן צייכען פון קריזיס.

פערגאנגענעם פרייטאג איז פארגעקומען דאס איינשרייבען פון די קינדער אין די פאווישעכנע שולען.

די מוטער'ס, וועלכע האבען געדארפט אנגרייטען אויף שבת האבען געמאכט א שטיקעל הפסקה און געלאפען אין די שולע פערשרייבען זייערע קינדער, כדי זיי זאלען ענדיגען די שטודיום'ס, וואס עס קאן געבען א פאווישעכנע שולע.

כאראקטעריסטיש איז אבער, אז איינשרייבען זייערע קינדער זענען געקומען נישט בלויז די געשוואוירענע מיטגלידער פון די פאווישעכנע שולען, נאר אויך עלטערען, וואס זייערע קינדער האבען זיך ביז איצט געלערנט אין פריוואטע שולען ווי אויך אין די אנהויב קלאסען פון די היגע יודישע גימנאזיום'ס.

אויך איז געקומען א גרויסע צאהל עלטערען, וואס זייערע קינדער האבען געלערנט אין די יודישע וועלטליכע שולען, אז זיי זאלען פון נייעם שולאהר אן לערנען אין די פאווישעכנע שולען.

איך האב צווישען די עלטערען דערקענט אזעלכע, וואס געהען אן פאר גבירים, פאר הויז אייגענטימער און פונדעסטוועגען האבען זיי מורא, אז זיי וועלען נישט קאנען צאהלען קיין שכר למוד און פערשריבען זייערע קינדער אין דער פאווישעכנע שולע.

ס'פערשטעהט זיך, אז א סך נוצען אויס די געלעגענהייט פון אלגעמיינעם קריזיס און אנשטאט צו בעצאהלען שכר למוד, גיבען זיי אוועק די קינדער אין די אומזיסטע שולען. כווייס נישט צו מען דארף זיי טאדלען דערפאר אדער נישט, איך וויל נאר פערצייכענען דעם פאקט, אז דאס פערשרייבען די קינדער אין די פאווישעכנע שולען איז געלעגען אונטער'ן צייכען פון קריזיס.

### דער גרויסער סכסוך.

פון א נישטיגען אינצידענט איז אויסגעבראכען א גרויסער סכסוך. וואס וועט זיך ענדיגען אין געריכט.

דער סכסוך איז צווישען די פערוואלטונג פון די עלעקטריע אבאנענטען מיט'ן יודישען רעדאקטאר פון דער פוילישער צייטונג „נאוויני".

און אנגעהויבען האט עס זיך צוליעב פאלגענדען אינצידענט.

אויף דער לעצטער פערזאמלונג פון די עלעקטריע אבאנענטען האט דער דעפוטאט פיעקארסקי געמאכט א פארוואורף די פוילישע פרעסע הלמאי זי האט איבערגעדריקט אנ'ארטיקעל פון א בעלגישע צייטונג, וואו עס ווערט געטאדעלט די האנדלונג פון די אבאנענטען.

דעם נאמען פון דער צייטונג, וואס האט געזאלט איבערדריקען דאס ארטיקעל פון דער בעלגישער צייטונג האט ער נישט דערמאנט, נאר די פערוואלטונג האט „פערשטאנען", אז דאס ארטיקעל איז אבגעדריקט געווען אין דער „נאווינע".

האט זיך בעוויזען אין היגען „גאניעץ" אנ'אפענער בריעף פון דער פערוואלטונג, וואו די „נאווינע" ווערט בעפאלען און עס ווערט אויך נישט געשוינט איהר רעדאקטאר.

ווייזט זיך אבער ארויס, אז דאס אויבענדערמאנטע ארטיקעל איז נישט געווען געדריקט אין דער „נאווינע" נאר אין דער סאנאציע צייטונג „סלאווא". אויב אזוי, פארוואס זענען זיי אנגעפאלען אויף דער „נאווינע", אפשר דערפאר ווייל דער רעדאקטאר איז א יוד, דארף מען נישט נאכקאנטראלירען צו דאס איז אין זיין צייטונג אדער נישט. אבער, פארוואס האבען די יודען פון דער פערוואלטונג נישט רעאגירט דערויף. וואס עס זאל נישט זיין איז דאך דער ה' סעמיאטיצקי א יוד און צו וואס זאל מען זיין אזוי לייכטזיניג?

יעדענפאלס האט זיך פערקאכט א קאשע און דער אין פלוג נישטיגער אינצידענט איז אויסגעוואקסען אין א גרעסערען סכסוך.

### דער פעטער שנייער, האט אונז געמאכט א וויזיט.

איהר האט געמיינט, אז עס איז שוין פריהלינג און איהר האט זיך שוין געקליבען צו פאהרען אויף זומער וואוינונג (געוועהנליך די יעניגע וואס האבען כסף) איז געקומען דער פעטער שנייער און האט אונז געמאכט א וויזיט.

און איידער ער איז געקומען האט ער געשיקט אלס שליחים קאלטע ווינטען מיט א הערבסט רעגען. און דאן האט זיך דער פעטער שנייער בעוויזען. אמת, ער האט אונז נאר א קורצע ווייל בעזוכט, אבער דאס איז שוין גענוג געווען אונז צו שטערען דעם אמת'ן פריהלינג.

ווער האט זיך געקאנט ריכטען, אז אין טיעפען פריהלינג וועלען מיר האבען א בעזוך פון פעטער שנייער.

### „וועה איז איהר, ער האט דאך איהר ס'לעבען גענומען".

מיט אזא געשריי, איז יענע וואך ארויס א פרוי אויף דער גאס און פון מינוט צו מינוט איז איהר קול געווארען אלץ היסטערישער און שוידערליכער, אזוי, אז די גאנצע גאס מענשען זענען אויפגעציטערט געווארען, טראכטענדיג, אז דער אין הימעל ווייסט, וואס פאר א גרויס אומגליק איז געשעהן.

א יונגעל איז געקומען צו לויפען צו מיר און איך בין אוועק אויפ'ן ארט און האב געוואויר געווארען פאלגענדעס:

אין דער געגענד פון פושעמיסלאווע און פאבריטשנע האט א פרוי א הויז. אייגענטליך האט זי נאך א הויז אויף דער סענאטארסקע גאס, נאר די מעשה, וואס מיר דערצעהלען האט פאסירט אין דעם הויז וואס מיר האבען אויבען דערמאנט.

פערמאגט די דאזיגע בעל-הבית'טע אויסער די צוויי הייזער, עטליכע טעכטער און א בן יחיד, וואס האט א פרוי מיט 2 קינדער.

דער זוהן האט געארבייט אויף א פאסטען און געוואוינט אלס לאקאטאר אויף א צווייטע גאס.

צוליב'ן קריזיס אבער האט דער זוהן פערלוירען דעם פאסטען און במילא האט ער נישט געהאט צו צאהלען קיין דירה געלד.

האט זיך דער זוהן מיישב געווען, היות ווי ביי זיין מוטער אין הויז צו וועלכען ער איז אייגענטליך א יורש, איז פערהאנען ליידיגע דירות, וועט ער זיך דערווייל אריינציהען. היות אבער ווי ער קען זיין מוטער, האט ער עס געמאכט ביינאכט.

ויהי הבוקר, ווי די מוטער איז ארויס אין גאס און געזעהען אז איהר זוהן דער „מערדער" האט זיך אריינגעצויגען אין איהר'ס א דירה, (א דירה אימשטיינס געזאגט, א שטוב מיט א קליינע קוך) איז זי ארויס אין גאס און מיט א יאמערליכע שטימע געשריגען: וועה איז מיר, ער האט דאך מיר ס'לעבען גענומען. אזוי, אז אלע שכנים זענען ארויס אויפ'ן גאס.

דערווייל וואוינט איהר טאכטער אין א צווייט הויז און דער איידעם האט גראד געדאווענט. הערענדיג, אז „ער האט זיך ס'לעבען גענומען", האט ער געמיינט, אז זיין שוואגער האט זיך ס'לעבען גענומען, דערפאר ווייל ער איז ארבייטסלאז, האט ער שנעל אראבגעווארפען פון זיך דעם טלית און תפילין און איז אראב אין גאס. זעהענדיג אבער, אז דער שוואגער לעבט, איז ער אוועק צום ווייב און איהר אנגעזאגט די בשורה, אז דער ברודער לעבט, האט ער אבער געטראפען זיין ווייב א פערחלש'טע.

איהר קענט זיך שוין אליין פארשטעלען, וואס עס האט זיך דארט אב-

